בעזרת השם יתברך

# פרק נ"ט-ס'

## קדושים

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די איברים פון אַ ירא שמים ווערן אָנגערופן "מחנה שכינה". - יעדעס וואָרט פון קריאת שמע איז משפיע קדושה אויף אַן אַנדערן אבר פונעם גוף. - בזמן הזה זענען די תפילות אויפן אָרט פון די קרבנות, און דעריבער דאַרף מען זאָגן די פרשיות הקרבנות יעדן טאָג. - עניוות איז גלייך צו אַ קרבן. - אַ מעשה פון זוהר וועגן זאָגן פרשת הקטורת יעדן טאָג.

די כוונות וואָס מ'דאַרף אין זינען האָבן יעדן טאָג ביים זאָגן די ברכה "אהבה רבה". - ביי קריאת שמע דאַרף מען געדענקען יציאת מצרים. - פאַר פאַרפעלן איין מצוה, דאַרף מען ח"ו מגולגל ווערן כדי מקיים צו זיין יענע מצוה. - ווי פאַר די נשמה וואָס ווערט אַרויסגעטריבן פון פאַר דעם כסא הכבוד. - די גרויסע השגחה וואָס דער אויבערשטער האָט אויף די מענטשן, וואָס פילן אַליין נישט די גרויסע ניסים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט זיי, און אַ מעשה דעריף פון זוהר.

# אוצר של בטחון — מצות הבטחון

**העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל - הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש** (סוטה יא:), **בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה** (קב הישר פי פ"ב) **וכמ"ש אשה יראת ה׳ היא תתהלל** (משלי לא, ל).

**בזכות הבטחון נגאלו ישראל ממצרים,** שכן כתיב (תהלים כב, ה) "בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטמו, אליך זעקו ונמלטו, בך בטחו ולא בושו", ואמרו במדרש "אליך זעקו" כמה דאמר (ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו", "ולא בושו" כמה דאמר (בשלח יד, ל) "ויושע ה׳ ביום ההוא את ישראל מיד מצרים, וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים", וכל כך למה "בך בטחו ולא בושו", **הכל בזכות הבטחון.** (כד הקמח אות בטחון).

העצה הוא: ללמוד ולומר ולהכנים בלבו כל יום פסוקי ועניני בטחון בה׳ שהוא מצווה תמידית בכל רגע, כמ"ש "בטחו בו בכל עת" ועל ידי שנכנים בלבנו בטחון ואמונה בה׳, עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה׳ דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (עיין חובת הלבבות, שבט מוסר, קב הישר). ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.

1) מכתם לדוד שמרני א-ל כי חסיתי בך (שם טז, א).
2) הפלה חסדיך מושיע חוסים ממתקוממים בימינך (שם יז, ב).
3) קוה אל ה׳ חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה׳ (שם כז).
4) אלו-הי בך בטחתי אל אבושה אל יעלצו אובי לי (שם כה, ב׳).
5) שמרה נפשי והצילני אל אבוש כי חסיתי בך, תֹּם וישר יצרוני כי קויתיך (כה).
6) אם תחנה עלי מחנה לא ירא לבי אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח (כז).
7) ה׳ עזי ומגני בו בטח לבי ונעזרתי ויעלוז לבי ומשירי אהדנו (לא, כה).
8) בך ה׳ חסיתי אל אבושה לעולם, בצדקתך פלטני (שם לא, ב׳).
9) ואני עליך בטחתי ה׳ אמרתי אלו-הי אתה (שם לא, טו).
10) חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה׳ (שם לא, כה׳).
11) כי בו ישמח לבנו כי בשם קדשו בטחנו (שם לג, כא).
12) כי לא בקשתי אבטח וחרבי לא תושיענו (מד, ז׳).
13) השלך על ה׳ יהבך והא יכלכלך, לא יתן לעולם מוט לצדיק (נה, כג).
14) באלוקים אהלל דברו, באלוקים בטחתי לא אירא, מה יעשה אדם לי (נו, יב)
15) חנינו אלוקים חנינו כי בך חסיה נפשי, ובצל כנפיך אחסה עד יעבר הוות (נז).
16) כי היית מחסה לי, מגדל עוז מפני אויב (שם סא, ד׳).
17) על אלוקים ישעי וכבודי, צור עזי, מחסי באלוקים (שם סב, ח׳) .

# אינהאלט - פון פרקים נ״ט - ס׳


א. אין פרק נ״ט ווערט ערקלערט: ווען אַ מענטש הייליגט זיין קערפער און זיינע אברים, רוהט אויף אים די שכינה, און די אברים ווערן אָנגערופן ״מחנה-שכינה״............ה

ב. רבונו של עולם זיי מיך מזכה איך זאָל זיין ריין און אַ שטול צו דער שכינה............ה

ג. די נאַטור פון אַ ליכט איז, ווען עס לייכט נישט ווי געהעריג שאָקלט מען עס אַביסל, און דורך דעם פלאַמט ער זיך אויף און ברענט און לייכט ווי געהעריג............ו

ד. די יסורים זענען נישט געקומען אומזיסט, ווייל השם יתברך שטראָפט נישט אָן קיין דין............ו

ה. די אותיות וואָס זענען געשריבן פאַר אים זענען געגליכן צום קערפער פון קרבן, און די נקודות וועלכע באַוועגן דאָס וואָרט דאָס איז דער נפש פון דעם קרבן............ז

ו. דער וועלכער האַלט זיך קליין, ער איז געגליכן צו דעם קרבן............ז

ז. מאָרגן וועלן מיר גיין אין שול און בעטן ביי השם יתברך............ח

ח. די מגיפה זאָל שוין אַהער נישט קומען ווייל זיי ווייסן שוין ווי דאָס צו מבטל זיין............ח

ט. ״מתא מחסיא״ ווייל השם יתברך האָט רחמנות געהאַט אויף איר............ט

י. יעדער וואָס דאַוונט מיט כוונה ווערט זיין תפילה אָנגענומען און השם יתברך וועט טאָן זיין ווילן צו דערפילן זיין געבעט............ט

יא. אין פרק ס׳ ווערט דערקלערט: אויב אַ מענטש פאַרפעלט מקיים צו זיין אַ מצוה אויף דער וועלט, מוז ער ווידער אַראָפּקומען דאָס מקיים זיין............יא

יב. געדענקען דעם טאָג ווען אונזערע עלטערן זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני צו קריגן די תורה............יא

**יג.** די גלוסטיגע וועלט, די וועלט וואָס לייכט פאַר די צדיקים........ יב

**יד.** אין דעם זכות וואָס איר האָט מיר דערציילט די זאַך, וועט איר היינטיגן טאָג גראַטעוועט ווערן פון אַנדערע באַנדיטן, וואָס וואַרטן אויף אייך........ יג

**טו.** דו האָסט געטאָן אַ נס צוליב מיר און די אידן זענען געראַטעוועט געוואָרן און איך האָב גאָר נישט געוואוסט........ יד

**טז.** רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון רבי אלעזר קומען זיי מקבל פנים זיין........ יד

**יז.** פינף מענטשן זענען געזעסן און צווישן זיי אַן אַלטער מאַן און מיר האָבן געזען פיל עופות האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און האָבן זיך אויסגעשפרייט איבער זייערע קעפּ........ טו

**יח.** לאָמיר אויפשטיין און גיין אַנטקעגן דעם אַלטן רבי פנחס בן יאיר........ טו

**יט.** ער האָט געזאָגט איך קוש אַזאַ מויל וואָס שמעקט פון די בשמים פון גן-עדן........ טו

**כ.** עופות, פאַרוואָס גיט איר נישט אַכטונג אויף דעם כבוד פון אייער האַר (השי״ת) וואָס געפינט זיך דאָ........ טז

**כא.** ווייל עס איז אַ צער בעלי חיים אַז פייגל זאָלן אַזוי לאַנג אויסשפרייטן זייערע פליגלען און שטיין אויף איין אָרט........ טז

**כב.** אמת עס איז געווען פריער אַ גרויסער שאָטן פון די פייגל אָבער עס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע טירחא........ טז

**כג.** השם יתברך האָט אויף אונז רחמנות, איז עס נישט גערעכנט ווי קיין עבירה ביי אונז........ יז

**כד.** ביזן היינטיגן טאָג שטייען נאָך די בוימער פאַרשפרייט מיט גרויסע צווייגן........ יז

**כה.** ער גיט שטענדיג אַכטונג אויף די וועלכע דינען אים ערלעך און פאַרלאָזן זיך נאָר אויף זיין חסד........ יז

**כו.** מיר זאָלן געראַטעוועט ווערן פון זינד, און השם יתברך זאָל אונז געבן אַ האַרץ מיר זאָלן אים דינען ווי געהעריג........ יח

**כז.** זיין באַלוינונג אויף יענער וועלט וועט זיין טאָפּלט און געטאָפּלט........ יח

# פרק נ״ט

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: ווען אַ מענטש הייליגט זיין קערפּער און זיינע אברים, רוהט אויף אים די שכינה, און די אברים ווערן אָנגערופן "מחנה-שכינה"

**א. כתיב,** ס'שטייט אין דער תורה (דברים כג, טו): "וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ" - דיין מחנה זאָל זיין הייליג. עס מיינט, דער גוף און די אברים פון דעם מענטשן זאָלן זיין הייליג. ווייל די אברים פון דעם מענטשן זיינען די "מחנה שכינה", און דאָס מיינט דער פּסוק (ויקרא כב, לב): "וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - איך וועל געהייליגט ווערן צווישן די אידן. (שמות כה, ח): "ושכנתי בתוכם" - און איך וועל רוען צווישן זיי. און אַז דער מענטש גייט אין די וועגן וואָס זיינען נישט גוט, און איז אַריינגעטאָן אין די תענוגים פון עולם-הזה, ווערט ער אַ מחנה צו דעם שטן און די "לילית" רחמנא ליצלן.

## רבונו של עולם זיי מיך מזכה איך זאָל זיין ריין און אַ שטול צו דער שכינה

**ב. ולעולם,** און אייביג זאָל דער מענטש געוואוינט זיין צו זאָגן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַכֵּנִי לִהְיוֹת טָהוֹר וְכִסֵּא אֶל הַשְּׁכִינָה. בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה' וְכָל קְרָבַי אֶת שֵׁם קָדְשׁוֹ" - רבונו של עולם זיי מיך מזכה איך זאָל זיין ריין און אַ שטול צו דער שכינה, מיין לייב זאָל לויבן השם יתברך, און אַלע מיינע אינעווייניקסטע גלידער זאָלן ליבן זיין הייליגן נאָמען. און ווייל די זינד פון די אידן פאַראורזאַכן די שכינה זאָל פאַרלאָזן די אידן און אויף דעם שטייט (בראשית ז, יז): "וַתָּרָם הַתֵּיבָה מֵעַל הָאָרֶץ" - די תיבה איז אויפגעהויבן געוואָרן פון דער ערד. די שכינה ווערט אָנגערופן אין ספר הזהר (חלק א'. דף ס"ח עמוד ב'): "תֵּיבָה" וואָס איז די אותיות בי"ת ה', און דעריבער איז פאַראַן רמ"ח (צוויי הונדערט פערציג) אותיות אין קריאת-שמע

אַנטקעגן די רמ"ח אברים פון אַ מענטש, ווייל יעדער תיבה פון קריאת-שמע איז משפיע קדושה אין איין אבר ווען מ'לייענט עס מיט כוונה.

## די נאַטור פון אַ ליכט איז, ווען עס לייכט נישט ווי געהעריג שאָקלט מען עס אַביסל, און דורך דעם פלאַמט ער זיך אויף און ברענט און לייכט ווי געהעריג

**ג. ואל,** און דו זאָלסט נישט פרעגן עס איז דאָך פאַראַן פיל מענטשן וואָס לייענען קריאת-שמע מיט גרויס דקדוק און כוונה און פונדעסטוועגן זיינען זייערע אברים שוואַך, זאָלסטו וויסן מיין זון אַז דער ענין ווערט אַרומגערעדט אין זוהר לך-לך (דף קס"ח עמוד א'), די נשמה פון מענטשן איז געגליכן צו אַ ליכט, און די נאַטור פון אַ ליכט איז, ווען עס לייכט נישט ווי געהעריג, שאָקלט מען עס אַביסל און דורך דעם פלאַמט ער זיך אויף און ברענט און לייכט ווי געהעריג. דאָס איז נאָר ביי אַ גוטע ליכט, אָבער ביי אַ שלעכטע ליכט ווערט עס נאָך פאַרלאָשן דורך דעם שאָקלען. אַזוי אויך דער מענטש אַז ער זינדיגט און דורך די זינד לייכט זיין נשמה נישט ווי געהעריג. שיקט השם יתברך אויף אים יסורים וואָס זיי צעשאָקלען אים.

## די יסורים זענען נישט געקומען אומזיסט, ווייל השם יתברך שטראָפט נישט אָן קיין דין

**ד. ובאם,** און אויב דער מענטש איז זיי מקבל באהבה און טראַכט אַריין אַז די יסורים זענען נישט געקומען אומזיסט, ווייל השם יתברך שטראָפט נישט אָן קיין דין, און דער מענטש האָט חרטה אויף דער פאַרגאַנגענהייט און זוכט צו פאַררעכטן וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט און צוימט זיך אַרום מיט יראת ה', דאַן הויבט אָן די נשמה צוריק צו לייכטן מער. און אויב דער מענטש נעמט נישט אָן די יסורים באהבה און בריקעט אין די יסורים, און אין דער צייט ווען די יסורים לאָזן אים צורו קערט ער זיך אום צו זיין שלעכטן וועג און צו זיינע נישט-גוטע מעשים, דאַן קערן זיך צוריק די יסורים און פייניגן אים נאָך

שטאַרקער פון פריער און נעמען אים צו פון דער וועלט, און זיין ליכט, דאָס איז די נשמה, לעשט זיך אויס און זינקט אַראָפּ אין טיפן אָפּגרונד. היינט איז דאס זאָגן פון די פרשה פון קרבנות אַנשטאָט א קרבן.

### די אותיות וואָס זענען געשריבן פאַר אים זענען געגליכן צום קערפער פון קרבן, און די נקודות וועלכע באַוועגן דאָס וואָרט דאָס איז דער נפש פון דעם קרבן

**ה. והנה,** און אין דער צייט ווען דער בית-המקדש איז געשטאַנען האָט דער מענטש געבראַכט אַ קרבן און האָט זיך מתוודה געווען אויף אים און האָט תשובה געטאָן, דערנאָך האָט מען געקוילעט דעם קרבן און זיין בלוט האָט מען געשפּריצט און זיין חלב האָט מען מקריב געווען - דאָס איז אַלץ געטאָן געוואָרן ווי אַן איבערבייט פאַר דעם מענטשן און זיינע איברים וואָס האָבן געזינדיגט און זענען געווען חייב מיתה, און דורך דעם קרבן האָט ער באַקומען אַ תיקון, און היינט איז דאָס זאָגן פון פרשה פון קרבנות אַנשטאָט אַ קרבן, ווי עס שטייט (הושע יד, ג): "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ".

דער מהר"ם הבבלי שרייבט אַז ביים זאָגן די פרשת הקרבנות זאָל דער מענטש אין זינען האָבן אַז די אותיות וואָס זענען געשריבן פאַר אים זיינען געגליכן צום קערפער פון קרבן, און די נקודות וועלכע באַוועגן דאָס וואָרט דאָס איז דער נפש פון דעם קרבן, און דורך דעם ווערט געגליכן פונקט ווי ער וואָלט מקריב געווען אַ קרבן אויפן מזבח.

### דער וועלכער האַלט זיך קליין, ער איז געגליכן צו דעם קרבן

**ז. ואל,** און נעם נישט אָן גרינג דאָס זאָגן פון פרשת הקרבן, ווייל יעדן טאָג אינדערפרי וועקט זיך אויף אַ משחית וואָס ווערט אָנגערופן "תולע" (שער הכוונות, ד"ג מתפלת השחר, יג,ב; פע"ח פ"ג משער עולם העשיה), און ער זאָגט שלעכט אויף די עבירות וואָס אידן האָבן געטאָן ביינאַכט, און דורך דעם קרבן תמיד פון אינדערפרי האָט מען אָפּגעשוואַכט זיין כוח, און דאָס זאָל ער טראַכטן ווען ער זאָגט פרשת

התמיד (במדבר כח,ח) "עֹלַת תָּמִיד הָעֲשֻׂיָה בְּהַר סִינַי" ("עולת" איז אותיות "תולע" אינעם איבערקער פון אתוון), און דער וועלכער האַלט זיך גרויס, גיט כח און שטאַרקייט צו דעם משחית, און דער וועלכער האַלט זיך קליין, ער איז געגליכן צו דעם קרבן, ווי עס שטייט (תהלים נא, יט): "לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה" - אַ צעבראָכן און צעשטויסן האַרץ טוסטו השם יתברך נישט באַליידיגן. דורך זיין תפילה שוואַכט ער אָפּ זיין כוח. און אויף דעם האָט דוד המלך געזאָגט (תהלים כב, ז): "וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ" - און איך בין אַ וואָרים און נישט קיין מענטש.

## מאָרגן וועלן מיר גיין אין שול און בעטן ביי השם יתברך

**ז. והכלל,** דער כלל איז אַז דאָס זאָגן די פרשה פון קרבנות איז אַ גרויסער ענין און בפרט קטורת צו זאָגן איז אַ גרויסער און אַ חשובער ענין. ווי עס שטייט אין זוהר פרשת וירא (דף ק"א עמוד א'): רבי אחא איז געגאַנגען צו דעם אָרט טרשא, איז ער געקומען אין אַ קרעטשמע, איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָט אַז אַ תלמיד-חכם איז געקומען, זיינען די שטאָט-לייט געגאַנגען אים זען און האָבן אים געזאָגט אַז זיי זענען אין אַ גרויסע צרה אין שטאָט, ווייל שוין זיבן טאָג ווי עס בושעוועט אַ מגפה אין שטאָט און מיט יעדן טאָג ווערט זי שטאַרקער. האָט ער צו זיי געזאָגט מאָרגן וועלן מיר גיין אין שול און בעטן ביי השם יתברך, באַלד ווען זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען איז מען געקומען און אים געזאָגט, דער און דער איז געשטאָרבן, דער און דער האַלט ביים שטאַרבן.

## די מגיפה זאָל שוין אַהער נישט קומען ווייל זיי ווייסן שוין ווי דאָס צו מבטל זיין

**ח. אמר,** האָט רבי אחא צו זיי געזאָגט, עס איז היינט נישט דאָ קיין צייט צו טאָן ווייל די צייט איז זייער ענג, נאָר שיידט פון אייך אָפּ פערציג צדיקים און חסידים, צו צען אויף יעדער זייט שטאָט,

און איך וועל אויך זיין מיט אייך, און זיי זאָלן זאָגן קטורת און אויך דעם ענין פון קרבנות, האָבן זיי אַזוי געטאָן דריי טעג און דריי נעכט, דערנאָך האָט רבי אחא געזאָגט, לאָמיר גיין אַהיים ווייל די גזירה איז שוין בטל געוואָרן און אויך די מענטשן וואָס האַלטן ביי שטאַרבן זאָלן עטליכע מענטשן פון די פערציג גיין צו זיי אַהיים און לאָזן דאָרטן זאָגן קטורת און די פרשה ״ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה וכו׳״. זיי האָבן אַזוי געטאָן און די מענטשן זענען געראַטעוועט געוואָרן פון טויט. האָבן זיי געהערט אַ שטימע אויסרופן: די מגיפה זאָל שוין אַהער נישט קומען ווייל זיי וויסן שוין ווי דאָס צו מבטל זיין.

## ״מתא מחסיא״ ווייל השם יתברך האָט רחמנות געהאַט אויף איר

**ט. אדהכי,** דערווייל איז פאַר׳חלש׳ט געוואָרן דאָס האַרץ פון רבי אחא און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט ער געהערט אַ קול האָט געזאָגט צו אים אַזוי, ווי דו האָסט געטאָן אין דער שטאָט, אַזוי זאָלסטו אויך טאָן אין אַן אַנדער שטאָט, וואָס דאָרטן איז אויך די מגיפה רחמנא ליצלן. דערנאָך איז רבי אחא פאָרגעזעצט זיין וועג און האָט אנגעזאָגט די שטאָט-לייט זיי זאָלן אייביג לערנען תורה, און אַ נאָמען געבן די שטאָט ״מתא מחסיא״ ווייל השם יתברך האָט רחמנות געהאַט אויף איר.

## יעדער וואָס דאַוונט מיט כוונה ווערט זיין תפילה אָנגענומען און השם יתברך וועט טאָן זיין ווילן צו דערפילן זיין געבעט

**י. לכן,** דעריבער מוז יעדער מענטש אויך זאָגן יעדן טאָג דריי מאָל די פרשה פון קטורת און די ברייתא פון ״פִּטּוּם הַקְּטֹרֶת כֵּיצַד וְכוּ׳״, ווייל דאָס ברענגט אַ גרויסע הילף. יעדער וואָס דאַוונט מיט כוונה ווערט זיין תפילה אָנגענומען און השם יתברך וועט טאָן זיין ווילן צו דערפילן זיין געבעט, אמן.

# אוצר של בטחון — מצות הבטחון

**העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל - הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש** (סוטה יא:), **בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה** (קב הישר פי פ"ב) **וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל** (משלי לא, ל).

**בזכות הבטחון נגאלו ישראל ממצרים,** שכן כתיב (תהלים כב, ה) "בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטמו, אליך זעקו ונמלטו, בך בטחו ולא בושו", ואמרו במדרש "אליך זעקו" כמה דאמר (ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו", "ולא בושו" כמה דאמר (בשלח יד, ל) "ויושע ה' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים, וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים", וכל כך למה "בך בטחו ולא בושו", **הכל בזכות הבטחון.** (כד הקמח אות בטחון).

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכנים בלבו כל יום פסוקי ועניני בטחון בה' **שהוא מצווה תמידית בכל רגע,** כמ"ש "בטחו בו בכל עת" ועל ידי שנכנים בלבנו בטחון ואמונה בה', ע"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (עיין חובת הלבבות, שבט מוסר, קב הישר). ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.

1) מכתם לדוד שמרני א-ל כי חסיתי בך (שם טז, א).
2) הפלה חסדיך מושיע חוסים ממתקוממים בימינך (שם יז, ב).
3) קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה' (שם כז).
4) אלו-הי בך בטחתי אל אבושה אל יעלצו אובי לי (שם כה, ב').
5) שמרה נפשי והצילני אל אבוש כי חסיתי בך, תֹם וישר יצרוני כי קויתיך (כה).
6) אם תחנה עלי מחנה לא ירא לבי אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח ( כז).
7) ה' עזי ומגני בו בטח לבי ונעזרתי ויעלוז לבי ומשירי אהדנו (לא, כה).
8) בך ה' חסיתי אל אבושה לעולם, בצדקתך פלטני (שם לא, ב').
9) ואני עליך בטחתי ה' אמרתי אלו-הי אתה (שם לא, טו).
10) חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה' (שם לא, כה').
11) כי בו ישמח לבנו כי בשם קדשו בטחנו (שם לג, כא).
12) כי לא בקשתי אבטח וחרבי לא תושיענו (מד, ז').
13) השלך על ה' יהבך והא יכלכלך, לא יתן לעולם מוט לצדיק (נה, כג).
14) באלוקים אהלל דברו, באלוקים בטחתי לא אירא, מה יעשה אדם לי (נו, יב)
15) חנינו אלוקים חנינו כי בך חסיה נפשי, ובצל כנפיך אחסה עד יעבר הוות (נז).
16) כי היית מחסה לי, מגדל עוז מפני אויב (שם סא, ד').
17) על אלוקים ישעי וכבודי, צור עזי, מחסי באלוקים (שם סב, ח') .

# פרק ס׳

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אויב אַ מענטש פאַרפעלט מקיים צו זיין אַ מצוה אויף דער וועלט, מוז ער ווידער אַראָפּקומען דאָס מקיים זיין.**

**א. דע,** דו זאָלסט וויסן אַז עס איז פאַראַן רמ״ח מצות עשה, און יעדער אבר פון די רמ״ח אברים פון דעם מענטש זענען אָפּהענגיק אין אַ מצוה. למשל אין מויל איז אָפּהענגיק די מצוה פון לערנען תורה. אין די אויגן איז אָפּהענגיק די מצוה פון קידוש החודש און די מצוה פון זעהען די ציצית. אין מוח איז אָפּהענגיק די מצות וואָס השם יתברך האָט געהייסן מען זאָל געדענקען, צום ביישפּיל דאָס וואָס ס׳שטייט (דברים כד, ט): ״זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה׳ לְמִרְיָם״, (שמות יג, ג): ״זָכוֹר אֶת יוֹם אֲשֶׁר יְצָאתָ מִמִּצְרַיִם״, (דברים כה, יז): ״זָכוֹר אֶת יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּחוֹרֵב״.

**געדענקען דעם טאָג ווען אונזערע עלטערן זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני צו קריגן די תורה**

**ב. לכן,** דעריבער שרייבט דער רב, דער אר״י ז״ל (שער הכוונות, כוונת יוצר, יט,א; פע״ח, פ״ג משער קריאת שמע), אַז דער מענטש דאַרף זיי דערמאַנען יעדן טאָג ביים דאַוונען, און אַזוי אַרום וועט דער מענטש זיי נישט פאַרגעסן. און ווען ער זאָגט ביי די ברכה ״אהבה רבה״: ״כִּי אֵ-ל פּוֹעֵל יְשׁוּעוֹת אָתָּה וּבָנוּ בָחַרְתָּ מִכָּל עַם וְלָשׁוֹן״, זאָל ער טראַכטן צו געדענקען דעם טאָג ווען אונזערע עלטערן זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני צו קריגן די תורה, און ער האָט אונז אויסדערוועהלט פון אַלע פעלקער אונז צו געבן די הייליגע תורה. ״וְקֵרַבְתָּנוּ לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל״, זאָל ער טראַכטן צו געדענקען וואָס עמלק האָט געטאָן. ״סֶלָה בֶּאֱמֶת לְהוֹדוֹת לְךָ״, זאָל ער טראַכטן אַז דער מויל און צונג זענען באַשאַפן געוואָרן צו לויבן השם יתברך, מלך מלכי

המלכים, און מען דאַרף אויך געדענקען אַז מרים הנביאה איז געוואָרן אַ מצורע דורך דערציילן לשון הרע, דעריבער זאָל זיך דער מענטש אָפּהאַלטן פון דערציילן לשון הרע, און ביי קריאת-שמע זאָל ער געדענקען יציאת מצרים.

## די גלוסטיגע וועלט, די וועלט וואָס לייכט פאַר די צדיקים

**ג. ומאוד,** און דער מענטש זאָל זיך זייער היטן אין דעם, ווייל עס איז באַוואוסט אַז אויב אַ מענטש פאַרפעלט איין מצוה דאַרף ער ווידער אַראָפּקומען מקיים צו זיין אָט די מצוה, דאָס זעלבע אויב ער האָט נישט מקיים געווען די מצות פון געדענקען דאַרף ער ווידער אַראָפּקומען, און דאָס איז דער רמז פון בעל המסורה וואָס עס שטייט צוויי מאָל ״וְיָצְאָה״: ״וְיָצְאָה חִנָּם אֵין כָּסֶף״ (שמות כא, יא), ״וְיָצְאָה וְהָיְתָה לְאִישׁ אַחֵר״ (דברים כד,ב). דער פירוש פון דעם איז: דער פסוק ״וְאִם שְׁלָשׁ אֵלֶּה לֹא יַעֲשֶׂה לָהּ״ (שמות דאָרטן), אויב די נשמה וועט נישט טאָן די דריי: דִין, אֱמֶת, שָׁלוֹם; קְדוּשָׁה, טָהֳרָה, עֲנָוָה; יִרְאָה, אַהֲבָה, זְרִיזוּת; תּוֹרָה, עֲבוֹדָה, גְּמִילוּת-חֲסָדִים. אַז זי וועט די אַלע (דרייענדיקע) זאַכן נישט טאָן, וועט די נשמה אַרויסגיין אומזיסט אָן ״כסף״, זי וועט נישט זוכה זיין צו דער ״עָלְמָא דִכְסוּפִין״ - די גלוסטיגע וועלט, די וועלט וואָס לייכט פאַר די צדיקים, ״וְיָצְאָה מִבֵּיתוֹ״, זי וועט אַרויס גיין פון דאָס הויז וואָס זי וואָלט געדאַרפט באַקומען ווען זי וואָלט זיך אויפגעפירט גוט, אָבער איצטער אַז זי האָט נישט זוכה געווען צו דעם אָרט, גייט זי אַרויס ״וְהָלְכָה וְהָיְתָה לְאִישׁ אַחֵר״, די נשמה ווערט מגולגל און ליידט ווידער דעם צער פון געבוירן ווערן און פון שטאַרבן און אַלע שטראָפן וואָס ווערן דערמאַנט אין ספר ״חסד לאברהם״ אין דעם חלק ״עין משפט״.

**ד. על כן,** דעריבער, מענטש, זע וואָס דו האָסט צו טאָן, און קלוג זיך, דו זאָלסט זיך אַליין ליב האָבן, זאָלסט נישט אַוועקגעשטויסן ווערן פון דעם הייליגן היכל, ווייי איז צו די בושה און

די חרפה וואָס די נשמה האט ווען זי ווערט אָפּגעהאַלטן פון זען די פּני השכינה פון דעם אָרט וואָס זי איז געקומען געוואָרן, און מ׳זאָגט צו דער נשמה ״ווי צו דיר, פאַר וואָס האָסטו נישט אָפּגעצאָלט מיט קיין גוטס צו השם יתברך, וואָס האָט מיט דיר גוטס געטאָן, דיר געגעבן עסן און טרינקען און דיינע אַלע באַדערפעניש, און דו צאָלסט אָפּ שלעכטס אַנשטאָט גוטס.

## אין דעם זכות וואָס איר האָט מיר דערציילט די זאַך, וועט איר היינטיגן טאָג געראַטעוועט ווערן פון אַנדערע באַנדיטן, וואָס וואַרטן אויף אייך

**ה. בא,** קום און זעה, וואָס עס שטייט אין זוהר פרשת בלק (דף ר׳ עמוד ב׳ - ר״ב עמוד ב׳): רבי פנחס איז געגאַנגען באַזוכן זיין טאָכטער, די מוטער פון רבי אלעזר, וועלכע איז געווען נישט געזונט, עס זענען מיטגעגאַנגען מיט אים חשובע מענטשן, ער איז געריטן אויף אַן אייזל און זיי זענען געגאַנגען צופוס. האָבן זיי באַגעגנט צוויי אַראַבער. האָט רבי פנחס זיי געזאָגט: צו אויף דעם פעלד איז אַמאָל געווען אַ קול אַז דאָ זיצן גזלנים? האָבן די אַראַבער געענטפערט: פון לאַנג צוריק ווייסן מיר נישט, נאָר מיר ווייסן פון אונזער צייט אַז דאָ זיצן גזלנים ווייל איין מאָל האָבן אין דעם פעלד גזלנים באַגעגנט אידן און האָבן זיי געוואָלט הרג׳נען, האָט איין אייזל צוויי מאָל געשריגן איז געקומען אַ פייער און האָט זיי פאַרברענט, און די אידן זיינען געראַטעוועט געוואָרן. האָט רבי פנחס געזאָגט: אַראַבער! אין דעם זכות וואָס איר האָט מיר דערציילט די זאַך, וועט איר היינטיגן טאָג געראַטעוועט ווערן פון אַנדערע באַנדיטן, וואָס וואַרטן אויף אייך.

## דו האָסט געטאָן אַ נס צוליב מיר און די אידן זענען געראַטעוועט געוואָרן און איך האָב גאָר נישט געוואוסט

**ו. בכה,** האָט רבי פנחס געוויינט און האָט געזאָגט: ״רבונו של עולם, דו האָסט געטאָן אַ נס צוליב מיר און די אידן זענען

גערַאטעוועט געוואָרן און איך האָב גאָר נישט געוואוסט". האָט ער געזאָגט עס שטייט אין תהלים (תהלים קלו, ב): "לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ" - השם יתברך טוט גרויסע ניסים אַליין ווייל אייביג איז זיין גוטסקייט. וויפל גוטס טוט השם יתברך מיט די מענטשן און דער מענטש ווייסט גאָר נישט. נאָר השם יתברך אַליין ווייסט עס. ווייל אָפט גייט אַ מענטש אין וועג און גזלנים גרייטן זיך אים צו הרג'ענען, און השם יתברך ברענגט צו אַן אַנדער מענטש, הרגענען זיי יענעם און ער ווערט געראַטעוועט, און ווייסט גאָר נישט די טובה וואָס השם יתברך האָט אים געטאָן, נאָר השם יתברך אַליין ווייסט, דעריבער זאָגט דער פסוק "ער טוט גרויסע וואונדער און ער אַליין ווייסט פון זיי".

## רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון רבי אלעזר קומען זיי מקבל פנים זיין

האָט רבי פנחס געזאָגט צו זיינע חברים: איך פרעג זיי ווייל זיי געפינען זיך שטענדיג אין פעלד. דערנאָך האָט רבי פנחס געפרעגט די אַראַבער צי האָבן זיי נישט געהערט עפעס אַ שטימע, ווייל רבי פנחס האָט געוואוסט, אַז רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון רבי אלעזר קומען זיי מקבל פנים זיין. זיי האָבן אָנגעהויבן אַוועקגיין און זיך גלייך אומגעקערט צו רבי פנחסן.

## פינף מענטשן זענען געזעסן און צווישן זיי אַן אַלטער מאַן און מיר האָבן געזען פיל עופות האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און האָבן זיך אויסגעשפרייט איבער זייערע קעפּ

**ז. אמרו,** האָבן די אַראַבער געזאָגט: אַלטער, אַלטער, פאַר וואָס פרעגסטו ביי אונז נאָר וועגן אַ צייט צוריק און נישט וועגן היינט, ווייל מיר האָבן געזען אַ גרויסן חידוש, פינף מענטשן זענען געזעסן און צווישן זיי אַן אַלטער מאַן און מיר האָבן געזען פיל עופות האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און האָבן זיך אויסגעשפרייט איבער זייערע

קעפ, די זענען געקומען און אַנדערע זיינען אַוועקגעפלויגן, אַזוי אַז עס איז געווען די גאַנצע צייט אַ שאָטן איבער זיי, און דער אַלטער שרייט אויף זיי און זיי פאָלגן אים. האָט ער צו זיי געזאָגט: דאָס האָב איך ביי אייך געוואָלט פרעגן.

## לאָמיר אויפשטיין און גיין אַנטקעגן דעם אַלטן רבי פנחס בן יאיר

דער נאָך האָט דער אייזל פון רבי פנחס אָנגעהויבן צו שרייען, האָט רבי שמעון בן יוחאי דערהערט די שטימע פון דעם אייזל, און האָט דערקענט אַז דאָ גייט רבי פנחס זיין שווער, האָט ער געזאָגט צו זיין זון רבי אלעזר און צו זיינע תלמידים: לאָמיר אויפשטיין און גיין אַנטקעגן דעם אַלטן רבי פנחס בן יאיר.

## ער האָט געזאָגט איך קוש אַזאַ מויל וואָס שמעקט פון די בשמים פון גן-עדן

**ח. קם,** איז רבי שמעון בן יוחאי און זיינע תלמידים אויפגעשטאַנען, האָט רשב״י געזאָגט: (במדבר כב, כח) ״ותפתח ה׳ את פי האתון של בלעם״, האָבן די תלמידים געזאָגט, אַז דאָס מויל פון דעם אייזל איז באַשאַפן געוואָרן ערב שבת בין השמשות (אבות ה,ו). דערווייל איז רבי פנחס בן יאיר געקומען און האָט געקושט רבי שמעון בן יוחאי. ער האָט געזאָגט איך קוש אַזאַ מויל וואָס שמעקט פון די בשמים פון גן-עדן. האָבן זיי זיך אַלע געפרייט און אַוועקגעזעצט.

## עופות, פאַרוואָס גיט איר נישט אַכטונג אויף דעם כבוד פון אייער האַר (השי״ת) וואָס געפינט זיך דאָ

ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט זענען געקומען די פייגל וואָס האָבן פריער געמאַכט אַ שאָטן איבער זייער קעפ און זיך אויסגעשפרייט. האָט רבי שמעון בן יוחאי אומגעקערט זיין קאָפּ, אויפגעהויבן זיין שטימע און צו זיי געזאָגט: עופות, פאַרוואָס גיט איר נישט אַכטונג

אויף דעם כבוד פון אייער האַר (השי״ת) וואָס געפינט זיך דאָ. זענען די עופות געבליבן שטיין און זיך נישט גערירט פון אָרט.

## ווייל עס איז אַ צער בעלי חיים אַז פייגל זאָלן אַזוי לאַנג אויסשפרייטן זייערע פליגלען און שטיין אויף איין אָרט

האָט רבי פנחס געזאָגט צו רבי שמעון בן יוחאי: זאָג זיי, זיי זאָלן זיך גיין זייער וועג ווייל עס איז אַ צער בעלי חיים אַז פייגל זאָלן אַזוי לאַנג אויסשפרייטן זייערע פליגלען און שטיין אויף איין אָרט״, האָט ער אַזוי געטאָן, און די פייגל זענען אַוועק געפלויגן.

## אמת עס איז געווען פריער אַ גרויסער שאָטן פון די פייגל אָבער עס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע טירחא

**ט. אדהכי,** דערווייל האָבן זיך דריי ביימער פאַרשפרייט איבער זיי פון דריי זייטן, און אַ קוואַל וואַסער האָט געקוועלט פאַר זיי, האָבן זיך די תלמידים געפרייט, האָט רבי פנחס געזאָגט: אמת עס איז געווען פריער אַ גרויסער שאָטן פון די פייגל אָבער עס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע טירחא און עס שטייט דאָך אין פסוק (תהלים קמה, ט): ״וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו״ - און זיין רחמנות איז אויף אַלע זיינע באַשעפענישן. דעריבער האָב איך נישט געוואָלט זיצן אין זייער שאָטן.

## השם יתברך האָט אויף אונז רחמנות, איז עס נישט גערעכנט ווי קיין עבירה ביי אונז

האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, איך האָב זיי נישט מטריח געווען, אָבער אויב השם יתברך האָט אויף אונז רחמנות, איז עס נישט גערעכנט ווי קיין עבירה ביי אונז. און מיר דאַרפן זיי נישט אָפּשטופן. זענען זיי געזעסן אונטער יענעם בוים און געטרונקען פון די וואַסער.

## ביזן היינטיגן טאָג שטייען נאָך די בוימער פאַרשפרייט מיט גרויסע צווייגן

האָט רבי שמעון אָנגעהויבן און געזאָגט: וואויל איז אונזער חלק וואָס מיר לערנען תורה, ווייל עס שטייט אין פסוק (תהלים א, ב-ג): "בְּתוֹרַת ה' חֶפְצוֹ וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל פַּלְגֵי מָיִם וגו'" - זיין באַגער איז די תורה פון השם יתברך און ער וועט זיין ווי אַ בוים וואָס איז געפלאַנצט אויף פיל וואַסער. און זע וואָס השם יתברך האָט אונז געטאָן: ער האָט אונז איינגעפלאַנצט די דריי בוימער און אַ קוואַל וואַסער, און ביזן היינטיגן טאָג שטייען נאָך די בוימער פאַרשפרייט מיט גרויסע צווייגן, און די מענטשן רופן עס: די פלאַנצונג פון רבי שמעון בן יוחאי און רבי פנחס בן יאיר.

## ער גיט שטענדיג אַכטונג אויף די וועלכע דינען אים ערלעך און פאַרלאָזן זיך נאָר אויף זיין חסד

**י. ממעשה,** פון דער געשיכטע ווערט אָפּגעלערנט ווי השם יתברך גיט אַכטונג אויף די וואָס גייען מיט ערליכקייט און לערנען תורה. ער גיט שטענדיג אַכטונג אויף די וועלכע דינען אים ערלעך און פאַרלאָזן זיך נאָר אויף זיין חסד, און עס טוט אויף זיי רוען אַ ריינער און הייליגער רוח, און ער טוט זייער ווילן.

## מיר זאָלן געראַטעוועט ווערן פון זינד, און השם יתברך זאָל אונז געבן אַ האַרץ מיר זאָלן אים דינען ווי געהעריג

דעריבער מוז דער מענטש אַנערקענען דאָס גוטס פון השם יתברך, און די גרויסע רחמים און חסדים וואָס השם יתברך טוט יעדן מינוט מיט די מענטשן. און דערויף מתפלל זיין אַז מיר זאָלן אויך זיין באַשיצט אונטער זיינע פליגל, מיר זאָלן געראַטעוועט ווערן פון זינד, און השם יתברך זאָל אונז געבן אַ האַרץ מיר זאָלן אים דינען ווי געהעריג, וואָרום וואָס וועט אונז אַרויסקומען פון אונזער לעבן אַז מיר זאָלן חס-וחלילה זיין אָפּגעשיידט פון קדושה, און וואָס וועט אונז אַרויסקומען פון

אונזער האָרעוואַניע, אַז מיר וועלן זיין אונטערטעניג אונטער דער מאַכט פון דעם יצר הרע.

## זיין באַלוינונג אויף יענער וועלט וועט זיין טאָפּלט און געטאָפּלט

און יעדער וואָס דינט השם יתברך ווי געהעריג, זאָל זיך אויסקלייבן דעם גוטן און ריכטיגן וועג, און אויף די זינד וואָס ער האָט געזינדיגט זאָל ער קרעכצן מיט אַ צעבראָכן האַרץ, און השם יתברך וועט אים פאַרגעבן אויף זיי, און זיין באַלוינונג אויף יענער וועלט וועט זיין טאָפּלט און געטאָפּלט, אמן סלה.

❖ ❖ ❖